בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּראַקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ע"ה

פרשת שופטים שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁמוֹת שְׁנַת תשפ"ד

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת שְׁמוֹת שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם פַאר אַלֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, אוּן פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס הֶערְן אוֹיס דֶעם שִׁיעוּר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרג) דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, דִי פֵייגְל לֵייגְט אַזוֹיפִיל אֵייעֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר דִי פֵייגְל זִי זָאל קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אַלֶע אֵייעֶר אוֹיף אֵיינְמָאל אוּן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם פֵייגְל אַ טֶבַע אַז זִי שְׁוִוינְדְלְט אַרַיין אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן. דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי שְׁפִּיל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, זִיצְן זֵיי אוֹיף דִי אֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ אוּן זֵיי הָאדֶעוֶוען עֶס אוֹיף, אַזוֹי טוּט דִי פֵייגְל מִיט אַסַאךְ נֶעסְטְן, אַלֶע פֵייגְלֶעךְ מֵיינֶען אַז דִי אֵייעֶר זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, בִּיז דִי פֵייגְל, דִי עֶכְטֶע מַאמֶע - גֶעבְּט אַ פַייף, אוּן וֶוען דִי אַלֶע גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגְלֶעךְ הֶערְן דִי פַייף הֵייבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיף פוּן זֵייעֶר נֶעסְט אוּן פְלִיעֶן מִיט דִי עֶכְטֶע מַאמֶע.

רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס: "**וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מְעַט לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ אֵיזֶה רֶמֶז מֵעִנְיַן גְּדֻלַּת עֵסֶק הַנְהָגַת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם הָעוֹלָם**", דֶער נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין דִי וָואס וֵוייסְן ווִי וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט זַיינֶע מְקוּרָבִים...

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין אַלֶע מוֹסְדוֹת אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֶענֶען דָא 'פֵייגְלֶעךְ' - מְחַנְּכִים, מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, וָואס זֶענֶען 'דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵייעֶר', זֵיי לֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, אוּן זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה' אוּן 'הִתְחַזְּקוּת' וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶערְפַאר, אֲפִילוּ אִיךְ גֶעבּ דֶעם שִׁיעוּר דָא פַאר אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעאֵייגְנְט פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס ווִילְן מְחַנֵּךְ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ שְׁלֶעכְט קִינְד

עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס צֵייכֶענֶען אָן אוֹיף דִי לִיסְטֶע פוּן דִי קִינְדֶער בַּיי יֶעדְן קִינְד אֵיינֶע פוּן דִי פִּיר אוֹתִיּוֹת וָואס שְׁטֵייט אוֹיפְ'ן דְרֵיידְל: נ, ג, ה, ש; אוֹת 'נ' מֵיינְט - דָאס קִינְד טוּט "**נִישְׁט**" וָואס מֶען דַארְף; אוֹת 'ג' מֵיינְט - דָאס קִינְד אִיז זֵייעֶר "**גוּט**"; אוֹת 'ה' מֵיינְט - דָאס קִינְד אִיז "**הַאלְבּ**" גוּט; אוּן אוֹת 'ש' מֵיינְט - אַ "**שְׁלֶעכְט**" קִינְד, אָדֶער מֶען דַארְף אִים אַרָאפּ "**שְׁטֶעלְן**" אַ כִּתָּה.

דַארְף מֶען וִויסְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד אִיז שְׁלֶעכְט. אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד שְׁרַייבְּט אוֹיף אַ קִינְד: "**ש - שְׁלֶעכְט**" - אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דֶער מְלַמֵּד דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג הִילְף, עֶר דַארְף זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קוּק אוֹיף אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער שְׁלֶעכְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען גוּטְס אִין אִים**".

### גְּרִינְגֶע נַאטוּרְן אוּן שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן

עֶס אִיז אַ טָעוּת פוּן מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אַז מֶען מֵיינְט אַז דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן זֶענֶען 'גוּטֶע' קִינְדֶער אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶענֶען 'שְׁלֶעכְטֶע' קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גוּט, נָאר אֵיינֶער הָאט אַ 'גְרִינְגֶע נַאטוּר' אוּן אֵיינֶער הָאט אַ 'שְׁוֶוערֶע נַאטוּר'.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן מִיט אַ גְרִינְגֶע נַאטוּר, אַלֶעס אִיז זֵיי גוּט, עֶס גֵייט זֵיי גָארְנִישְׁט אָן, זֵיי זֶענֶען מְוַותֵּר פַאר חֲבֵרִים, וֶוען מֶען דַארְף זִיצְן שְׁטִיל זִיצְן זֵיי שְׁטִיל, וֶוען מֶען דַארְף זִיצְן גְרָאד זִיצְן זֵיי גְרָאד, זֵיי גֵייעֶן מִיט וִוי אַזוֹי מֶען פַארְלַאנְגְט, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן מִיט אַ שְׁוֶוערֶערֶע נַאטוּר, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג מְוַותֵּר זַיין, אוּן זֵיי וִוילְן נִישְׁט פָאלְגְן, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְט, עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, דֶערְפַאר טְרַאכְטְן זֵיי: 'דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן? אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן...' - נִישְׁט אַז מֶען זָאל יֶעצְט חַס וְחָלִילָה אוֹיפְהֶערְן צוּ פַארְלַאנְגֶען 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער אִין דַיין קָאפּ וֶוען דוּ קוּקְסְט אוֹיף דֶעם קִינְד וָואס פָאלְגְט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים פַארְשְׁטֵיין אַז עֶפֶּעס אִיז אִים שְׁוֶוער, וָואס דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט פָאלְגְן.

### אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ

קוּק אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערְן קִינְד וִוי אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ, זִיכֶער לִיגְט עֶפֶּעס אוּנְטֶער זַיין נִישְׁט פָאלְגְן; עֶס קֶען זַיין אַז עֶס הָאט מִיט זַיין נַאטוּר, עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר, אָדֶער קוּמְט עֶר נֶעבֶּעךְ פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אַ בֶּהָלָה. עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען מַאכְן גָאר אַ גוּטֶע שְׁפִּיל אַז אַלֶע זָאלְן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער דִי קִינְדֶער לַיידְן אִינְדֶערְהֵיים; דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן בָּאס, אוּן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן אִין שְׁטוּבּ אוּנְטֶער דִי פַארְמַאכְטֶע טִיר

וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער קִינְד קוּמְט נֶעבֶּעךְ אִין חֵדֶר אַזוֹי צֶעפָּארְן, אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער נָאכְאַמָאל קְלָארְשְׁטֶעלְן, עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט פָּאלְגְן, קִינְדֶער דַארְפְן פָּאלְגְן, אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אִיךְ רֶעד נָאר פוּנֶעם בְּלִיק ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף אָנְקוּקְן דֶעם קִינְד.

אַנְשְׁטָאט שְׁרַייבְּן אוֹיף אַ קִינְד אוֹתִיוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען אַרוֹיס זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת, טוֹישְׁט דָאס בַּאדֵייט פוּן דִי אוֹתִיוֹת, אוֹת 'נ' זָאל מֵיינֶען - דָאס קִינְד אִיז **"נֶעבֶּעךְ"** אַ רַחְמָנוּת; אוֹת 'ה' זָאל מֵיינֶען - דָאס קִינְד הָאט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע **"הַארְץ"**; אוּן אוֹת 'ש' זָאל מֵיינֶען - דָאס קִינְד אִיז אַ **"שֶׁעפֶּעלֶע"**.

גֶעדֶענְקְט: עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד אִיז שְׁלֶעכְט!

## וָואס וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם?

טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּן מַיין מַאמֶע וָואס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אַמָאל גֶעזֶען אַ צֶעטְל אוֹיפְ'ן וַואנְט אִין אַ סְקוּל; עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אִין עֶנְגְלִישׁ, אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּערְזָאגְן אִין עֶנְגְלִישׁ וֶועט מֶען לַאכְן... וֶועל אִיךְ עֶס זָאגְן אִין אִידִישׁ, דֶער צֶעטְל לֵיינְט זִיךְ אַזוֹי: **"אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵייד דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן, וָואס פַאר אַ הוֹיז דוּ הָאסְט גֶעהַאט, מִיט וָואס פַאר אַ שְׁטִיוְול דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן, אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען: וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעגֶעבְּן פַאר אַ קִינְדְ'ס לֶעבְּן!"**

קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט פַאר יֶעדְן אַ פְּלַאץ אִין בֵּית הַחַיִּים; עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ, מֶען לֵייגְט אִים אַוֶועק אִין בֵּית הַחַיִּים, אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ צְוַוייגֶעלֶע אִין זַיין הַאנְט מִיט וָואס עֶר גֵייט אוֹיפְגְרָאבְּן דִי זַאמְד וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶוען עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים, - וָואס גֶעדֶענְקְט מֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ? וָואס בְּלַייבְּט פוּן דִי יָארְן וָואס מֶען לֶעבְּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? דָאס וָואס מֶען הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער, בִּפְרַט אוֹיף דִי נֶעבֶּעכְדִיגֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען מִיט אוֹילִיגֶע הָאר, צוּקְנִיפְּטֶע הָאר אוּן פַארְדְרֵייטֶע גֶעלֶעכֶערְטֶע טֵייץ.

וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן דֶעם וָוארְט שְׁפִּיר אִיךְ אַ טְשִׁיל (צִיטֶער) אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ פַארְנוּמֶען מִיט זַיין אוֹיסְקוּק, צִי זַיין רֶעקְל צֵייגְט שֵׁיין, צִי זַיין הוּט שְׁטֵייט שֵׁיין, צִי זַיינֶע פֵּיאוֹת זֶענֶען שֵׁיין, אוּן אִיךְ ווִישׁ אוֹיךְ אוֹיס מַיין גְלֶעזֶער כְּסֵדֶר... אָבֶּער אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם גֵייט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי מַיין רֶעקְל, מַיין הוּט אוּן פֵּיאוֹת הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען צִי מַיין גְלֶעזֶער הָאט גֶעהַאט אַ פִּינְטְל אוֹיפְ'ן גְלָאז.

אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען, וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר אַ צְוֵוייטֶער אִיד, אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶער קִינְד וָואס דַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעצוֹיגְן צוּ אִים, אוּן דוּ הָאסְט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף אִים, דוּ הָאסְט צוּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי זַיין נָאמֶען 'נ' - נְשָׁמָה'לֶע, 'ה' - הַארְץ, 'ש' - שֶׁעפֶּעלֶע, אוּן 'ל' - לֶעמֶעלֶע.

## מַאכְטְ נִישְׁט קַיין חִילוּקִים צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, מַאכְטְ נִישְׁט קַיין חִילוּקִים צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער. בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז דָאס מֶער נוֹגֵעַ בַּיי טִיטְשֶׁערְס, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ קוּקְן נִישְׁט מְלַמְדִים ווִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, אוּן דִי טִיטְשֶׁערְס קוּקְן יָא וֶוער עֶס גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין מִיט קְלֵיידֶער פוּן דִי טֵייעֶרֶע פִּירְמֶעס, וֶוער עֶס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ שֵׁיינֶע בְּרִיפְקֶעיס (טֶעשְׁל) אוּן אַ שֵׁיינֶע פַּאקֶעט בּוּק (פֶּערְזֶענְלִיכֶע טַאשְׁקֶע), אָבֶּער אַמָאל אִיז עֶס פַארְקֶערְט, עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים מִיט קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ וָואס קוּקְן וֶוער עֶס גֵייט מִיט אַ שֵׁיינֶע הֶעמְד, אוּן עֶס זֶענֶען דָא טִיטְשֶׁערְס וָואס זֶענֶען קְלוּג נִישְׁט צוּ קוּקְן דֶערוֹיף. - עַל כָּל פָּנִים, קֶען פַּאסִירְן אַז צְוֵויי קִינְדֶער זָאלְן בֶּעטְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בֵּיידֶע בֶּעטְן צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא, אוּן פַארְ'ן שֵׁיינֶעם קִינְד וֶועט מֶען זָאגְן: **"קֶענְסְט גֵיין, מַאךְ עֶס שְׁנֶעל"**, אוּן פַארְ'ן אַנְדֶערְן קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין וֶועט מֶען זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין!"** אָדֶער וֶועט מֶען נָאךְ שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: **"גֵיי צוּ דִי אָפִּיס!"** - פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֵיין צוּ דִי אָפִּיס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע פָּנִים, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע פָּנִים וָואלְסְטוּ מִיךְ גֶענוּמֶען זִיצְן נֶעבְּן דִיר?!

## אַ מַעֲשֶׂה מִיט רֶבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כ.) אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן בַּיים וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט וַוייל עֶר הָאט פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, הָאט מֶען אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַ נִסָיוֹן פוּן הִימְל. אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַ מִיאוּסְ'עֶ פָּנִים אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים גֶעבְּן שָׁלוֹם, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"שָׁלוֹם עָלֶיךָ רֶבִּי"**, אָבֶּער רֶבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אִים נִישְׁט צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"בִּיסְט אַ מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ! פוּן וואוּ קוּמְסְטוּ? אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין שְׁטָאט זֶענֶען אַזוֹי מִיאוּס ווִי דִיר?!"** הָאט אִים דֶער מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעוֶועלְט מַיין פָּנִים, גֵיי צוּ דֶער וָואס הָאט מִיךְ בַּאשַׁאפְן, גֶעבּ אַרַיין אַ קָאמְפְּלֶעיְנְט (טַעֲנָה) אַז אִיךְ בִּין אַ מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ"**.

רֶבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטוּן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: **"בִּיסְט מִיךְ מוֹחֵל?"** הָאט דֶער מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט: **"נֵיין, אִיךְ בִּין דִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל, בִּיז דוּ גֵייסְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אוּן דוּ גֵייסְט אִים זָאגְן אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ; עֶס הָאט דָאךְ נִישְׁט מִיט מִיךְ, אִיךְ בִּין דָאךְ אַ פְּרַאדוּקְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, אַ גַאנְצְן וֶועג הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן אִים נָאכְגֶעוָואקְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּ אִים עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹחֵל זַיין.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאט דֶער מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ גֶעהֶערְט ווִי מֶען זִינְגְט: **"קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִיקִים, דֶער רֶבִּי זָאל לֶעבְּן אַ מַזָל טוֹב, אַלֶע חֲסִידִים..."** הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁטָאטְס מֶענְטְשְׁן: **"פַאר וֶועם זִינְגְט מֶען דָא?"** הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"וָואס הֵייסְט פַאר וֶועם? פַאר דֶער רֶבִּי וָואס וָואקְט דִיךְ נָאךְ"**, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"אִם זֶה רֶבִּי, אַל יִרְבּוּ כְּמוֹתוֹ בְּיִשְׂרָאֵל"**, אוֹיבּ עֶר אִיז אַ רֶבִּי זָאל נִישְׁט זַיין נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֶבִּי'ס בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס?"** הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, אוּן עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּרִיק גֶעבְּן שָׁלוֹם וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין; אִיךְ הָאבּ אִים געגריסט 'גוּט מָארְגְן' אוּן עֶר גֶעבְּט מִיר עֶדִיטוּד (אַ שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג)"**.

דִי שְׁטָאטְסְלַייט הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים מִיאוּסְ'עֶר מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אִים יָא מוֹחֵל זַיין, וַוייל עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: **"אִיךְ בִּין אִים נָאר מוֹחֵל אוֹיבּ עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וואוּ עֶר גֵייט רֶעדְן, זָאל עֶר רֶעדְן פוּן דֶעם אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט שֵׁיין"**.

װען מען לערנט די מעשה, טאר מען עס חס ושלום נישט לערנען אויף אַװעקצומאַכן די הייליגע צדיקים, מען לערנט עס נאר צו װיסן װי אַזוי ׳איך׳ זאל זיך פירן; װען אַ קינד װאַקסט מיך דורך, און איך מאַך זיך נישט װאוסנדיג פון אים, זאגט אליהו הנביא: **״אם זה רבי, אל ירבו כמותו בישראל״**, איך װיל נישט עס זאל זיין אַזעלכע רבי״ס.

### פאַרװאס מאַכסטו אַ חילוק?

מען קען נישט זאגן פאַר דער זיסער קינד װאס איז אַלץ צאַמגענומען און שיין: **״קענסט גיין טרינקען װאסער, מאַך עס שנעל״**, **״ביסט אַזוי זיס״**, **״איך גיי זאגן פאַר דיין טאַטע אַז דו ביסט דער בעסטער אינגל פון די קלאַס״**, און פאַר דער אַנדערער אינגל װאס קומט נישט מיט שיינע געדרייטע פיאות: **״מען קען שוין נישט גיין טרינקען װאסער, עס איז שוין שפעט, מען דאַרף שוין זיין אין קלאַס!״ ״מען טאר נישט רעדן װען אַ רבי רעדט!״** - פאַרװאס איז ער אַנדערש פון דער אַנדערער קינד? װייל ער האט נישט אַזא זיסער פּנים? װייל ער האט נישט אַזא זיסע העמד?!

די זעלבע זאך איז אין סקול; מען קען נישט זאגן פאַר די זיסע מיידל װאס קומט מיט שיינע צאַמגענומענע האר: **״קענסט גיין טרינקען, מאַך עס שנעל״**, און פאַר די אַנדערע מיידל װאס אירע האר קלעבן נאך, און מען האט איר אַרויסגעװאָרפן פונדערהיים מיט נישט געהעריגע שיך, װייל עס איז געװען אַ בהלה צופרי אַזוי װי אין אַסאך אידישע הייזער: **״מען קען שוין נישט גיין טרינקען װאסער, עס איז שוין שפעט, מען דאַרף שוין זיין אין קלאַס!״**

### אַלע קינדער זענען דעם אייבערשטנ׳ס קינדער

איך בעט ענק, טייערע מלמדים און טיטשערס, האט רחמנות אויף אידישע קינדער, מאַכטס נישט קיין **״ש - שלעכט״** אויף קיין איין קינד, געבט זיך אָפּ מיט אַלע קינדער.

מאַכטס נישט קיין חילוק צװישן די קינדער װאס זייערע עלטערן האבן געגעבן אַ שיינע טיפּ און די אַנדערע קינדער װאס זייערע עלטערן האבן נישט געגעבן; אַלע קינדער זענען דאך דעם אייבערשטנ׳ס קינדער.

### עס מוז זיין דרך ארץ אָבער מיט ליבשאַפט

קיינער זאל נישט אַרויסנעמען פון דעם שיעור אַז עס מעג װערן הפקר אין כּתּה; אַװדאי טאר מען נישט רעדן װען אַ מלמד און טיטשער רעדט. מען מוז זייער שטאַרק אַװעקשטעלן אַז מען קען נישט רעדן װען אַ מלמד אָדער טיטשער רעדט, אויב מען זעט אַז מען רעדט יאָ, דאַרף מען אָפּשטעלן די כּתּה און זאגן: **״מען קען נישט רעדן װען אַ רבי רעדט, אָדער װען טאַטע מאַמע רעדט! עס מוז זיין דרך ארץ״**, אָבער װען מען זאגט עס מוז מען ליב האבן די קינדער, װייל אַז מען האט ליב די קינדער גייט עס אַריין אין זיי.

### װי אַזוי קען מען ליב האבן אַלע קינדער אייניג?

די שאלה איז נאר װי אַזוי קען מען ליב האבן אַלע קינדער אייניג? איך האב פאַר ענק אַ גוטע עצה, פאַר מען קומט אין חדר און אין סקול, זאלט עטץ זיך מתבודד זיין מיט׳ן אייבערשטן און אים בעטן: **״הייליגער באַשעפער העלף מיר איך זאל ליב האבן אַלע קינדער אייניג, אַלע קינדער זאלן מצליח זיין און אויסװאַקסן הייליג״**.

אויך װיל איך ענק בעטן, לייגט אַריין אין די קינדער אַ ליבשאַפט צום אייבערשטן, און אַ ליבשאַפט צו צניעות.

דער אייבערשטער זאל העלפן, עטץ זאלסט האבן הצלחה און סייעתּא דשמיא, אָמן.

חינוך אָפּטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

# בריװן פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

### פאַרװאס צאָלט מען אַזוי װייניג פאַר אַ מלמד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך בין שוין אַ מלמד אַ שיינע פּאר יאר, איך האב ברוך השם אַ גרויסע משפּחה מיט קינדער, אָבער איך פאַרדין נישט גענוג צו דעקן דעם חודש, איך באַקום ממש װי מען באַצאָלט אויף די גאס פאַר אַ ביליגע אַרבעטער, פאַר יעדע זאך פאַרשטייט מען אַז מען דאַרף צאָלן נאָרמאַל, אויסער פאַר אַ מלמד װאס טוט די שװערסטע אַרבעט צו זיצן אין אַ קלאַס מיט לעבעדיגע קינדער אַ גאַנצן טאג און אויסהאַלטן יעדנ׳ס שװעריקייטן.

איך פאַרשטיי אַז די מוסד װואו איך בין איינגעשטעלט האט נישט קיין געלט צו באַצאָלן מער, אָבער איך קען נישט פאַרשטיין װען איך זע מענטשן צאָלן נישט די שכר לימוד אָדער דינגען זיך מיט פּרייז, װען אין די זעלבע צייט װעלן זיי איינקויפן װאס זיי דאַרפן פאַר זייער באַקװעמליכקייט און אויסגעבן געלט אויף זאכן װאס זענען נישט באמת װיכטיג, און נאר װען עס קומט צו שכר לימוד, װאס איז די װיכטיגסטע זאך פאַר אַ מענטש, זוכט מען צו שפּאָרן.

אויך טוט מיר זייער װיי װען איך הער אַסאך מאָל מענטשן זאגן אַז אַ מלמד װערט אַ מלמד װייל ער טויג נישט אויף קיין שום אַנדערע זאך, װען דער אמת איז אַז אַ מלמד איז סאך אַ שװערערע און אַסאך מער קאָמפּליצירטע אַרבעט פון רוב אַנדערע זאכן, און צו זיין אַ גוטער מלמד פאָדערט אַסאך כּח און מוח מיט געדולד, און צום סוף פאַרשטייען אפילו נישט די עלטערן װאס דער מלמד טוט פאַר זייער קינד, און פאַר די קלענסטע זאך װאס זיי מיינען אַז מען האט נישט גוט געטון, װעט מען רופן אָנשרייען און פאַרהאַלטן, װען עס איז נישט מעגליך זיי מסביר צו זיין װאס איז פאָרגעגאַנגען פונקטליך.

איך קען נוצן חיזוק אויף דעם.

יישר כּח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פּרשת ויּשלח, י״א כּסליו, שנת תשפ״ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאַלטן דיין בריװ.

נישטא קיין װערטער אַרויסצוברענגען דאס גרויסקייט פון אַ גוטער מלמד, װי גרויס זיינע זכותים זענען; אַלע תּורה און תּפלה װאס די תּלמידים גייען לערנען און דאַװענען

זַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן – גֵייט אוֹיפְ'ן זְכוּת פוּנֶעם מְלַמֵד.

לֵיידֶער זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מְזַלְזֵל אִין מְלַמְדִים, מֶען שֶׁעצְט נִישְׁט זַייעֶר אַרְבֶּעט; דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי, בִּפְרַט וֶוען מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט אַ קִינְד אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ בַּאקוּמֶען אַיינֶערְקֶענוּנְג פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט – הָאט מֶען גָאר טַעֲנוֹת וְכוּ'; דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דִי כֹּחַ פוּנֶעם מְלַמֵד.

אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶועזְן אַ מְלַמֵד, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר זֵייעֶר גוּט; מִיט דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן. גֶעדֶענְק, מֶען אַרְבֶּעט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן פְּלָאג, עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסֶער שְׂכַר פַאר מְלַמְדִים.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף מְלַמְדִים, לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס טָארְן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט: "עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ רֶבִּי מֵאִיר שְׁפִּירָא זַצַ"ל זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אִים, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶועזְן אַ שׁוֹחֵט אוּן מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי שְׁחִיטָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין וֶועלְכֶע פַּרְנָסָה עֶר זָאל נֶעמֶען. רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טְרַאכְט צוּ טוּן, הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאל עֶר וֶוערְן אַ מְלַמֵד. הָאט אִים רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: 'אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט שֶׁחְטְ'ן אָקְסְן, צִיגְן אוּן הִינֶער, וֶועסְטוּ יֶעצְט גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!'" עֶר הָאט אִים גֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייגְן צוּ זַיין אַ מְלַמֵד.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִין יֶעדֶע פַּרְנָסָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ אַרַיינְלָאזְן, דַארְף עֶר זִיךְ קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי פַאךְ אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דֶעם. עֶס זֶענֶען דָא פַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער לֶערְנֶען, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שְׁוֶוערֶער אוּן נֶעמֶען לֶענְגֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען. צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען אֵיינֶער וִויל וֶוערְן אַ דָאקְטֶער, דַארְף עֶר גֵיין לֶערְנֶען אוּן שְׁטוּדִירְן פַאר לַאנְגֶע יָארְן בִּיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְלֶערְנֶען אוּן קֶענֶען גוּט דֶעם פַאךְ. אֲפִילוּ קְלֶענֶערֶע פַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען קוֹדֶם, אֵיינֶער ווִיל אַרְבֶּעטְן מִיט עֶלֶעקְטְרִיק דַארְף עֶר זִיךְ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען קוֹדֶם, אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְן חַס וְשָׁלוֹם; אֵיינֶער ווִיל זַיין אַ פֶּעינְטֶער, אַ סְטָאלֶער, אָדֶער סֵיי וָואס, דַארְף עֶר קוֹדֶם ווִיסְן אוֹיבּ עֶר טוֹיג דֶערְצוּ, עֶר דַארְף קֶענֶען דֶעם פַאךְ, עֶר דַארְף לִיבּ הָאבְן דֶעם פַאךְ. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אַ פַאכְמַאן צוּ טוּן פַאר אִים אַן אַרְבֶּעט אוֹיבּ יֶענֶער הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט עֶס, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אֵיין פַאךְ וָואס אִיז אַן אוֹיסְנַאם, דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ מְלַמֵד. עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע מְלַמְדִים, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַ שְׁלִימַזָל אוּן טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט – דֶער וֶוערְט אַ מְלַמֵד. דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַארְוָואס פוּנְקְט בַּיי דֶעם פַאךְ קוּקְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אִים אוֹיף אַלְס מְלַמֵד צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר טוֹיג טַאקֶע צוּ דֶעם פַאךְ אָדֶער נִישְׁט? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז מַחְלִיט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ דָאקְטֶער... דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ רְצִיחָה, עֶר וֶועט הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס רַחֲמָנָא לִיצְּלָן".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי גוּטֶע מְלַמְדִים; אָן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵד, אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער – דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. "חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): 'וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, אֵלּוּ מְלַמְדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן' – דִי מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל. וֶוען מֶען קוּקְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַאפְן אַזוֹיפִיל בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן. אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט קוּקֶנְדִיג מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז [טֶעלֶעסְקָאוּפּ]. עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן דִי פִילֶע בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעגֶעבְן אַ נָאמֶען. זָאגְן חֲזַ"ל אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן אוּן אָפְּשַאצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה".

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֵיין נִישְׁט אַז דֶער וָואס אַרְבֶּעט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ – הָאט מֶער גֶעלְט פוּן דִיר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער וֵויינְט; דֶער חִילוּק אִיז נָאר, מִיט וָואס מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ? "אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים; אָנוּ עֲמֵלִים וּמְקַבְּלִים שָׂכָר", מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; מִיר בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "וְהֵם עֲמֵלִים וְאֵינָם מְקַבְּלִים שָׂכָר", אוּן אַנְדֶערֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וישב תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876